# פרשת וילך - האזינו כ"ט אלול תשע"ו – י"ג תשרי תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת וילך – ערב ראש השנה***

אחר סליחות נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו זכרון יהודא. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל ווערצבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט היינט געזאגט, זכור ברית אברהם ועקידת יצחק. מען בעהט אז דער אייבערשטער זאל געדענקן דעם ברית מילה וואס דער אייבערשטער האט כורת געווען מיט אברהם, און די עקידת יצחק. - אין די פוסקים (**טורי זהב** או"ח סימן תקפ"ד סק"ב) שטייט, אז אויב עס איז דא א ברית ראש השנה, איז דא א ענין, אז אויב דער בעל תוקע איז דער מוהל, און די ליפן איז פארשמירט געווארן מיט בלוט, זאל מען עס נישט אפוואשן פאר תקיעת שופר, כדי מען זאל מצרף זיין די מצוה פון מילה בשעת מען בלאזט שופר, אז עס זאל האבן א קשר מיט ברית מילה. זעהט מען אז עס איז דא א קשר צווישן ברית מילה מיט תקיעת שופר, און מען האט געוואלט אז עס זאל נישט זיין א הפסק בשעת מען בלאזט שופר.

**דער** ענין דערפון איז, אין הייליגע ספרים שטייט א טעם אויף די מצוה פון תקיעת שופר, אז דער פסוק (שיר א-ה) זאגט, שחורה אני, איך בין שווארץ, ונאוה, און איך בין שיין, בנות ירושלים. און עס איז א סתירה, אז מען איז שחורה, איז מען נישט נאוה. אין מדרש שטייט, שחורה אני מבחוץ, פון אינדרויסן בין איך שווארץ, אבער ונאוה אני מבפנים, פון אינווייניג איז כנסת ישראל שיין. אל תראוני שאני שחרחורת, קוק מיך נישט אן אז איך בין שווארץ, ששזפתני השמש, איך בין נאר אפגעברענט געווארן פון די זון.

**דער** פשט דערפון איז, עס איז דא איינער וואס איז געבוירן א שווארצער, און ער קען זיך נישט טוישן, ער וועט אייביג בלייבן אזוי. היהפוך כושי עורו (ירמיה יג-כג), א כושי קען זיך נישט טוישן זיין עור. ווען א מענטש איז בעצם ווייס, נאר ער איז געווארן אפגעברענט דורך די זון, דאס איז א זאך וואס וועט אדורכגיין, און מיט די צייט וועט זיך עס טוישן, און עס וועט צוריק קומען צו דעם וואס עס איז געווען. יודען זאגען, שחורה אני, מיר זענען שווארץ. מען האט געזינדיגט, און מען איז שווארץ געווארן פון די מעשים. דאס איז אבער נישט דער מענטש אליין, עס איז נאר א חיצוניות וואס האט ארומגענומען דעם מענטש, ונאוה אני מבפנים, אינווייניג איז כנסת ישראל שיין.

**עס** שטייט אין די מפרשים, אז די גמרא (שבת פט.) זאגט, אז לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער זאגן פאר אברהם אבינו, בניך חטאו. וועט ער ענטפערן, ימחו על קדושת שמך. אז מען האט געזינדיגט, זאל זיי דער אייבערשטער שטראפן, זיי זאלן נמחה ווערן על קדושת שמך. יעקב וועט אויך אזוי ענטפערן. אבער יצחק וועט זיך אנהייבן דינגען מיטן אייבערשטען, בניך ולא בני, עס איז נאר מיינע קינדער, און נישט דיינע קינדער. און ער וועט מאכן א חשבון מיטן אייבערשטען, פלגא עלי ופלגא עלך. מען רעדט דאך פון אברהם און יעקב, ווי אזוי ווארפען זיי אזוי אוועק כלל ישראל, ימחו על קדושת שמך. מען בעהט דאך אז דער אייבערשטער זאל געדענקן ישיני חברון (סליחות ערב ראש השנה), דער באשעפער זאל געדענקען דעם זכות פון די אבות. און אברהם מיט יעקב מאכן אזוי אוועק דעם כלל ישראל, אז אויב מען האט געזינדיגט, ימחו על קדושת שמך.

**שטייט** אין הייליגע ספרים, אז דער פשט דערפון איז, אז זיי האבן געזאגט א מליצת זכות אויף כלל ישראל. אמת יודען האבן געזינדיגט, אבער לאמיר זעהן ווען עס קומט א צייט וואס מען דארף זיך מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען, זענען יודען גרייט אוועקצוגעבן דאס לעבן, זיך מיט די בני בית, און זיין פארמעגן, אלעס וועט ער אוועקגעבן, און ער וועט זיך נישט ווערן אפרייסען פונעם אייבערשטען. דעמאלטס קען א יוד געפרובט ווערן אז ונאוה אני מבפנים, אז אינווייניג איז ער געבליבען שיין, ווייל מען זעהט אז ער איז גרייט אלעס אוועקצוגעבן פאר קידוש ה'.

**ווען** דער אייבערשטער וועט זאגן פאר אברהם אבינו, בניך חטאו, דיינע קינדער האבן געזינדיגט, וועט ער ענטפערן, אמת זיי האבן געזינדיגט, אבער לאמיר זעהן ווען עס איז ימחו על קדושת שמך, ווען מען דארף זיך מוחה זיין אויף קדושת ה', וועסטו זעהן אז יעדער יוד וועט זיין גרייט אויף מסירת נפש, איז א סימן אז דער חטא איז נאר א חיצוניות'דיגער חטא, אבער עס איז נישט בעצם.

**דער שימלויא'ער רב** טייטשט, ימחו מספר חיים, ועם צדיקים אל יכתבו (תהלים סט-כט), זאגט ער, אז עס איז לשון בתמיה, 'ימחו מספר חיים', יודען זענען גרייט זיך מוחה זיין פון ספר החיים, זיי זענען גרייט אוועקצוגעבן דאס לעבן, 'ועם צדיקים אל יכתבו', קומט זיך נישט פאר זיי, אז מען זאל זיי פארשרייבן בספרן של צדיקים. אז יודען זענען גרייט אויף ימחו מספר חיים, קומט זיך אז מען זאל זיי פארשרייבן בספרן של צדיקים.

**און** דאס איז דער ענין פון תקיעת שופר, ווען א מענטש בלאזט, בלאזט ער ארויס די פנימיות. מען זאגט פארן אייבערשטען, אין חיצוניות קען זיין אז שחורה אני, איך בין שווארץ, מען האט געזינדיגט. אבער דער אייבערשטער זאל קוקען אין די פנימיות פון א יוד. אין פנימות פון א יוד, ונאוה אני מבפנים, אינוויינינג איז א יוד שיין. ווען עס איז נוגע צו מסירת נפש, וועט זיך א יוד מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען.

**וועגן** דעם נעמט מען א שופר, ווייל שופר איז א רמז אויף שופר של איל, דער אייבערשטער זאל אונז געדענקען דעם עקידת יצחק. עקידת יצחק איז דאך געווען מסירת נפש, אברהם האט מקריב געווען זיין קינד, און יצחק אליין האט זיך געלאזט מקריב זיין. און אין יצחק איז דעמאלטס געווען כלול גאנץ כלל ישראל, ער האט נאכנישט געהאט קיין קינדער, און ער האט אריינגעברענגט דעם כח פון מסירת נפש, אינעם גאנצן כלל ישראל. אז מען וויל מעורר זיין ביים אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל קוקען, אז יודען זענען גרייט אויף מסירת נפש, נעמט מען א שופר של איל, וואס דאס איז א רמז אויף עקידת יצחק, און מען בלאזט פון אינווייניג צו ווייזען, אז אינווייניג איז יעדער יוד הייליג פארן אייבערשטען. - און דאס איז אויך דער ענין פון ברית מילה, אויף ברית מילה איז געזאגט געווארן דער פסוק (תהלים מד-כד) כי עליך הרגנו כל היום (גיטין נז:), אז יודען טוען זיך מקריב זיין פארן אייבערשטען. מען נעמט א קליין קינד, און מען פארגיסט אים דאס בלוט, צו ווייזען אז א יוד דארף האבן מסירת נפש פארן רבונו של עולם.

**נעמט** מען צוזאם ברית מילה צוזאמען מיט שופר, וואס שופר ווייזט אויף עקידת יצחק, וואס איז געווען מסירת נפש. און עס ווייזט אז עס איז נאוה אני מבפנים, אז בעצם זענען מיר שיין. און מען טוט עס אויסמישן צוזאמען מיט ברית מילה, וואס ביי ברית מילה ווערט נתגלה, אז אין יעדען דור, אפילו דער שוואכסטער יוד, נעמט זיין זון און ער מל'ט אים, ווייל בעצם וויל א יוד זיין מקושר צום אייבערשטען, און מען איז גרייט אויף מסירת נפש.

*

אחר סעודת הברית עלה **רבינו שליט"א** לבית **כ"ק הגה"צ גאב"ד קארלסבורג שליט"א** לקבל ברכת הקודש לשנה החדשה.

אחר כך הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי משה הורוויץ זצ"ל** אב"ד אונסדארף.

***מתוך השיחה:***

**רבינו:** דור הולך ודור בא, עס לאזט זיך אויס דער אלטער דור.

**א' האבלים:** דאס איז דער כתב סמיכה וואס דער טאטע האט באקומען אין בודאפעסט, תש"ח. ער איז דעמאלטס געווען צוואנציג יאר אלט.

**רבינו:** איך האב באקומען סמיכה פון אייער זיידען, דער **אונסדארפער רב** [**הגה"צ רבי יוסף יונה צבי הורוויץ זצ"ל** אב"ד דק"ק אונסדארף ופראנקפורט], ווען ער האט געוואוינט אין בני ברק. תשכ"ו, פופציג יאר צוריק.

**א' האבלים:** תשכ"ה איז ער געגאנגען וואוינען קיין ארץ ישראל.

דער זיידע האט זיך געהאלטן שטארק נאנט מיטן **סאמבאטהעלי'ער רב**, ער איז געווען דער

איינציגסטער קרוב (אביו **הרב רבי יהודא הורוויץ** ז"ל היה גיסו של **הגה"ק משאמלויא זצ"ל**).

**רבינו:** עס איז געבליבן נאר א קליינע משפחה.

**א' האבלים:** מיין טאטע האט מיר דערציילט, אז ווען מען האט אנגעטראגן פארן זיידן די רבנות אין פראנקפורט, און ער האט געהאט די שאלה צו ער זאל גיין קיין פראנקפורט אדער נישט. דער **בעלזער רב, רבי ישכר דוב**, האט אים געבעטן אז ער זאל גיין. איז ער געגאנגען צו **רבי שאול בראך** קיין קאשוי, האט אים **רבי שאול בראך** געזאגט, 'אונסדארפער רב, פארט לחיים ולא למות'. ער האט נישט פארשטאנען וואס ער מיינט צו זאגן. למעשה איז ער געווען רב אין פראנקפורט, און ער האט געוואוינט א הויז נעבן די נאצי הויפטקווארטיר, און מען האט אים ארעסטירט אין קריסטאל נאכט, אבער מען האט אים ארויסגעווארפען ווייל ער איז נישט געווען א דייטשע בירגער, און הוא וכל משפחתו זענען ניצול געווארן. און פון אונסדארף, פון די גאנצע משפחה, איז נישט געבליבען קיין שריד ופליט, נאר איין מיידל.

**רבינו:** למעשה איז ער געווען צופרידן פון דעם וואס ער איז געגאנגען אויף פראנקפורט, צו נישט?

**א' האבלים:** ער האט דארט אויפגעטון א געוואלד. דער גאב"ד פון ירושלים [**הגה"צ רבי יצחק טובי' ווייס שליט"א**] האט געלערנט צוזאמען מיטן טאטען ז"ל אין שניידער'ס ישיבה, צוזאמען מיט **רבי משה שטערנבוך שליט"א**, זיי זענען געווען א סגל חבורה. דער גאב"ד האט מיר אמאל געשיקט פרעגן, אז ער האט געהערט אז דער זיידע האט געשטעלט דריי תנאים, אויף די רבנות אין פראנקפורט. ער האט נישט געוואלט גיין, האט ער געשטעלט דריי תנאים, און ער איז געווען זיכער אז מען וועט עס נישט אננעמען. די דריי תנאים זענען געווען, ער קומט נישט אויף פראבע, און ער גייט נישט מיט קיין גלח'ישע בגדים, און מען זאל נישט מאכן די חופות אין די שול. דעם ערשטען טאג איז געווען א חופה אין די שול, און ער איז געגאנגען, און ער איז געשטאנען ביי די טיר, און ער האט נישט אריינגעלאזט. און זיי זענען געלאפן צו רבי יעקב ראזענהיים, האט ער זיי געזאגט, 'אונז האב מיר גענומען א רב, אז ער זאל אונז אויסלערנען, און נישט אז מיר זאלן אים אויסלערנען'.

**רבינו:** וויפיל יאר איז ער געווען דארט?

**א' האבלים:** ניין יאר.

איך בין געווען ביים זיידען ווען ער איז געווען אין ארץ ישראל, און איך בין געשלאפן אין סלון, און איין נאכט, דריי אזייגער, זעה איך ווי ער איז שוין אויף. האב איך אים געפרעגט, זיידע, עס איז נאך דריי אזייגער. האט ער מיר געזאגט, 'עס איז א שאד צו פארשלאפן די צייט אין ארץ ישראל'.

למעשה איז ער געווען א מורא'דיגער חובב ארץ ישראל, ער איז געגאנגען צום כותל יעדן ראש חודש. ווען ער איז געווען אין אמעריקע תשכ"ז, האט ער געזאגט פארן **סאטמאר'ער רב** בדרך צחות, אז עס שטייט אין ירושלמי (שבת א-ד), אז א גזירה שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה, איז נישט א גזירה, מעג מען דאך גיין. - אבער לאידך גיסא, בשעת דער זיידע האט גערעדט פון ציונים, האט ער געשפיגען בלוט בשעת ער האט גערעדט, ער איז געווארן אזוי אויפגעברויזט.

איך בין געווען לעצטענס אויף א פלאץ ווי עס איז געווען א טעיפ פון די לויה פון **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, און זיי האבן נישט געוואוסט ווער עס איז די ערשטע רעדנער. און איך האב דערקענט דעם קול, אז דער ערשטער האט מספיד געווען דער זיידע, און נאכדעם האט מספיד געווען דער **סאטמאר'ער רב**.

**רבינו:** דעם זיידען'ס קול האט מען תיכף געקענט דערקענען.

*

***יום רביעי פרשת וילך – צום גדליה***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין לבן הר"ר **מאיר הערש בערגער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת וילך***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי, לבית הרבני הנגיד רבי **שמואל באדאנסקי** שליט"א, שם שהה משך שעה ארוכה לקבל את קהל אנשי שלומינו לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***שבת קודש פרשת וילך – שבת שובה***

בשעות אחר הצהרים דרש **רבינו שליט"א** דרשת שבת שובה, בסוגיא דכהנים שפגלו במקדש ביום הכיפורים (גיטין נד:), והשמיע דברי חיזוק ודברי מוסר.

* * *

***יום ראשון פרשת האזינו***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אהרן שווארץ** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** משנה (יומא פה:) זאגט, את זו דרש רבי אלעזר בן עזריה, די דרשה האט רבי אלעזר בן עזריה גע'דרשנ'ט אויף דעם פסוק (ויקרא טז-ל) כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם, לפני ה' תטהרו. עבירות שבין אדם למקום יום כיפור מכפר, אבער עבירות שבין אדם לחבירו איז יום כיפור נישט מכפר, עד שיפייס את חבירו. די מפרשים שטעלן זיך, וואס איז די לשון 'את זו' דרש, דאס האט רבי אלעזר בן עזריה גע'דרשנ'ט.

**עס** קען זיין, די גמרא (גיטין נז:) זאגט אויף די מצוה פון מילה, כי עליך הרגנו כל היום (תהלים מד-כד), זו מילה. דאס וואס יודען טוען זיך הרג'נען פארן אייבערשטען כל היום, דאס איז די מצוה פון מילה. עס איז א סכנה צו מל'ן א קינד, און פון דעסטוועגן דאך מל'ן זיך אלע יודישע קינדער. די מפרשים שטעלן, אז מען מל'ט זיך נאר איין מאל אין לעבן, און דאס איז נישט 'כל היום'. איין מאל אין לעבן איז מען אין א סכנה, פארוואס זאגט מען כי עליך הרגנו 'כל היום', אז אלע טעג הרג'ט מען זיך פארן אייבערשטען?

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז מילה איז נישט נאר די עצם מילה וואס מען איז מקיים בשעת מען מל'ט א קינד, נאר די קדושת הברית וואס א יוד האט, דאס דארף אים באגלייטן זיין גאנץ לעבן, אז ער זאל לעבן מיט די קדושה וואס דער אייבערשטער האט חותם געווען בבשרנו. און צו לעבן דאס גאנצע לעבן מיט די קדושה, דאס איז א מסירת נפש. דאס איז די מצוה פון מילה, כי עליך הרגנו כל היום, אז מען זאל זיך קענען האלטן בקדושה דאס גאנצע לעבן שפעטער, דאס איז פארבינדן מיט מסירת נפש. אסאך מאל דארף מען אדורכגיין א טעם מיתה, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך.

**מען** ברענגט צו פונעם **זוהר הק'** (ח"ב ריד:), אז כאטש אויף אלע עבירות נוצט תשובה, אבער אויף קדושת הברית איז זייער שווער אז מען זאל קענען תשובה טון. עס שטייט אבער אין **מאור עינים** (פ' האזינו), אז עס איז דא א מחלוקת אין די גמרא (שבועות יג.), צו יום כיפור איז מכפר לאינם שבים. אונז נעם מיר אן, אז יום כיפור איז נאר מכפר מיט תשובה, אבער רבי האלט, אז יום כיפור פאר זיך אליין, אפילו אן תשובה, איז אויך מכפר. שרייבט דער **מאור עינים**, אז דער פשט פון 'לאינם שבים' איז, אז אפילו די עבירות וואס א גאנץ יאר נוצט נישט דערויף קיין תשובה, פון דעסטוועגן דאך איז יום כיפור דאס אויך מכפר. קומט אויס, אז יום כיפור קען זיך א מענטש מטהר זיין פון אלע חטאים.

**עס** שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב סו.), אז ווען מען מל'ט א קינד, קומען ארויף אויפן קינד צוויי שמות, דער שם שד"י, און דער שם הוי"ה. איינס איז מבפנים, און איינס איז מבחוץ. און ווען מען פירט זיך בקדושה, בלייבט דער שם אויפן קינד שטענדיג. און אז מען פירט זיך נישט ערליך, איז עס א פגם אין די שם וואס איז ארויפגעקומען מיט קדושת המילה. - אזוי ווי יום כיפור איז מכפר לאינם שבים, עס איז מכפר אפילו אויף די עבירות וואס א אנדערע מאל נוצט נישט קיין תשובה. קומט אויס, אז יום כיפור קען א מענטש צוריק באקומען זיין שם וואס ער האט באקומען בשעת'ן ברית, און עס זאל בלייבן ביי אים בשלימות.

**זאגט** די תורה, 'כי ביום הזה יכפר עליכם מכל חטאתיכם', יום כיפור איז דער אייבערשטער מטהר פון אלע חטאים, 'לפני ה' תטהרו', אפילו די עבירות וואס איז א פגם אינעם שם, וואס א גאנץ יאר קען מען זיך פון דעם נישט אזוי גרינג מטהר זיין, אבער יום כיפור איז עס דער אייבערשטער מכפר, און עס איז מטהר.

**ברית** מילה איז נכרתו עליה י"ג בריתות (נדרים לא:), דאס איז די איינציגסטע מצוה וואס האט אזויפיל בריתות. 'זו' איז בגימטריא דרייצן, דאס איז רומז אויף מצות מילה וואס איז נכרתו עליה י"ג בריתות. את 'זו' דרש רבי אלעזר בן עזריה, רבי אלעזר בן עזריה האט גע'דרשנ'ט פון דעם פסוק א זאך וואס איז נוגע צו 'זו', עס איז נוגע צו די שלש עשרה בריתות וואס איז דא אויפן מענטש. אז דער פסוק זאגט, כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם 'מכל' חטאתיכם, לפני ה' תטהרו. את 'זו' דרש, דאס האט ער גע'דרשנ'ט, אז יום כיפור קען מען מתקן זיין די פגם פון קדושת המילה, וואס עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות, וואס איז מרומז אין די ווארט 'זו'.

*

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** אל עבר הבית החיים בעיר ניו דזשערזי, להתפלל ליד ציון אביו **כ"ק הגה"צ מסאמבאטהעלי זצוק"ל**. משם המשיך **רבינו שליט"א** לבית החיים של קהלתנו הק' בניו דזשערזי, להתפלל אצל ציוני **כ"ק מרנן רבני קהלתינו זצוק"ל**.

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***<u>יום חמישי פרשת האזינו</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **מאיר סאלאמאן** הי"ו, שהתקיים באולם סקווירא (כ"פ).

*

***<u>שבת קודש פרשת האזינו</u>***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הר"ר **יצחק דוד נאה** הי"ו. - אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **אשר איידליס** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אברהם שמואל זינגער** הי"ו (בן הר"ר **יהודא זינגער** הי"ו), שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.